# די דערעפענונגס־רעדע פון נשיא פון אגודת ישראל אין אמעריקע

## הרב אליעזר זילבער

אויף דער קאָנפערענץ למען חיזוק היהדות, אין בעלמאר,
ז׳ אלול, תש״ב

**כנסי׳ נכבדה!**

מיר געהען עפענען די קאָנפערענץ פון אגודת ישראל „למען חזוק היהדות״ אין א מורא׳דיגער צייט פון חורבן און קאַטאַסטראָפע, ווען דער מלאך המשחית והמות בושעוועט אין דער וועלט, ווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק בלוטיגט פון טויזענדער וואונדען. אין דער דאָזיגער שרעקליכער סכנה ווענדען מיר אונזערע אויגען צום רבונו־של עולם און ביי איהם זוכען מיר הילף און טרייסט.

און ווייסט איהר, ווי אזוי מיר וועלען אויסבעטען די ישועה און די רעטונג פאַר׳ן געפייניגטען כלל־ישראל? מיר וועלען רעדען איצט צום רבונו־של־עולם מיט די זעלביגע ווערטער, וועלכע מיר האָבען באַנוצט ווען מיר זיינען געגאנגען מיט עטליכע יאהר צוריק צום סטייט־דעפּארטמענט אין וואַשינגטאָן בעטען הילף פאר אונזערע גדולי ישראל און תלמידי־חכמים. דעמאָלט זיינען מיר גע־קומען צוזאמען מיט איינינגע פון די גרעסטע און עלטעסטע רבנים פון לאנד און אזוי גערעדט צו די פיהרער פון סטייט־דעפּאַרטמענט:

„מיר קומען צו אייך נישט מיט קיין גרויסע רעדנער אָדער באריהמטע פּאָ־ליטיקער, נישט מיט איינפלוסרייכע מענשען אָדער געניטע לאָיערס, ניין, מיר קומען מיט עפּעס אנדערש. מיליאנען צוּבראָכענע אידישע הערצער שטעהען איצט פאַר אייך. דאָס גאַנצע אונענדליכע אומגליק פון אידישען פאָלק שטעהט פאַר אייך. עס שטרעקען אויס צו אייך די הענד נאָך הילף טויזענדער גרויסע אידישע פיהרער, גאונים, תלמידי־חכמים! מאַכט אליין אויס זייערע רעדעס. מיר קענען עס גאַרנישט ארויסברייגגען אויפ׳ן פּאַפּיר און אויך נישט מיט אונ־זער באַשרענקטער רעדנער־קראַפט״.

און דער סטייט־דעפּאַרטמענט האָט עס פאַררעכענט ווי די שעהנסטע רעדעס און גענומען עפענען די טויערען פון אַמעריקאַ פאַר די ליידענדע גדולי ישראל. ער האָט זיך צוגעהערט צו אונזערע פאַרלאַנגען.

מיט אן עהנליכען נוסח ווילען מיר איצט רעדען צום הימלישען „סטייט־דע־פּאַרטמענט״ פון רבונו־של־עולם, כביכול: